# זונעלע שיינע

## אַ קינדער-מעשׂה

דודל כּותבֿ

אַמאָל אין אַ זומערדיקן צופֿרי נאָך דעם ווי עס האָט געטאָגט האָבן די וואָלקענעס פֿאַרשטעלט דעם הימל און נישט געלאָזט דאָס זונעלע שיינע אויפֿשייַנען. האָט דאָס שטיינדל זיך איבערגעקוילעט און געזאָגט פֿאַרן גרעזל, ״גרעזעלע, די ביסט העכער ווי איך, בייג דיך אַ ביסל אַהין און אַהער און אַזוי וועסטו אַוועקשטופּן די וואָלקענעס און די וועלט וועט ווערן וואַרעם און דו וועסט וואַקסן לענגער.״

דאָס גרעזל האָט געענטפֿערט, ״איך בין טאַקע העכער ווי דו אָבער איך קום נישט אָן ביז די וואָלקענעס. לאָמיר ביידע גיין צום בלימעלע ווייַל זי איז העכער ווי מיר ביידע און אפֿשר קען זי אַוועקשטופּן די וואָלקענעס.״

זענען דאָס שטיינדל און דאָס גרעזל אַוועק צום בלימעלע אין זי געזאָגט, ״בלימעלע, בלימעלע, דאָס זונעלע שיינע וויל אויפֿשייַנען אָבער די וואָלקענעס טוען איר פֿאַרשטעלן. גלייַך דיך אויס דייַן רוקן און שטיי אויף די שפּיץ פּיס און שטופּ אַוועק די וואָלקענעס — מיר וועלן וואַרעם ווערן און דייַנע פֿאַרבן וועלן גלאַנצן אין דער ליכטיקייט פֿונעם זונעלע שיינעם.״

דאָס בלימעלע האָט געענטפֿערט, ״טייַערע פֿרייַנט, מיר שטערט אויך אַז דאָס זונעלע שיינע שייַנט נישט אויף און וואַרעמט נישט אָן די וועלט, אָבער כאָטש איך בין העכער פֿון אייַך קען איך אָבער נישט אָנקומען ביז די וואָלקענעס. לאָמיר אַלע גיין צום ביימעלע ווייַל זי איז זייער הויך און זי קען מיט אירע צווייַגן און בלעטער דערלאַנגען ביז די וואָלקענעס.״

זענען דאָס שטיינדל, דאָס גרעזל און דאָס בלימעלע צוזאַמענגעגאַנגען צום בוים און אים געזאָגט, ״ביימעלע, ביימעלע, די וואָלקענעס שטערן זונעלע שיינע אויפֿצושייַנען און די וועלט ווערט נישט וואַרעם. נעם דייַנע צווייַגן און דייַנע בלעטער און טרייסל מיט זיי די וואָלקענעס ביז ווי לאַנג אַלע וואָלקענעס צעגייען זיך. דעמאָלסט וועט די וועלט זייַן וואַרעם, דייַנע עפּל וועלן זייַן רויט און דייַנע באַרן גרין.״

דער בוים האָט זיי געענטפֿערט, ״איך בין טאַקע זייער הויך אָבער איך קום אַלץ נישט אָן אַזוי הויך ווי די וואָלקענעס. מיר דאַרפֿן אַלע צוזאַמענגיין צום פֿייגל און בעטן דעם פֿייגל ער זאָל אַרויפֿפֿליִען צו די וואָלקענעס אין שטאַרק פֿלאַטערן מיט די פֿליגל, אַזוי אַז די וואָלקענעס וועלן זיך אַלע צעגיין און דאָס זונעלע שיינע וועט זיך אַראָפּברענגען אונטער די וואָלקענעס.״

דער בוים מיטן בלימעלע, מיטן גרעזל און מיטן שטיינדל זענען אַלע געגאַנגען צום פֿייגל און צו אים גערעדט, ״פֿייגעלע, פֿייגעלע, די וואָלקענעס פֿאַרשטעלן דאָס זונעלע שיינע און לאָזן אים נישט אויפֿשייַנען. די וועלט בלייַבט קאַלט. אויכעט דייַן קול איז נישט אַזוי זיס ווען דאָס זונעלע שיינע מאַכט נישט ליכטיק אויף דער וועלט. פֿלי אַרויף צו די וואָלקענעס און פֿלאַטער שטאַרק מיט דייַנע פֿליגל אַזוי אַז די וואָלקענעס וועלן זיך צעבלאָזן.״

דער פֿייגל האָט זיי געענטפֿערט, ״איך קען ניט בלויז מיט מייַנע פֿליגל אַוועקשטופּן די וואָלקענעס, ווייַל איך קען נישט אַזוי שטאַרק פֿלאַטערן; איך קען אויך נישט אַרויפֿפֿליִען צום זונעלע שיינע ווייַל עס איז צו ווייַט און אויך צו הייס. אָבער איך האָב אַן עצה. איר קענט אַלע אַראָפּקריכן אויף מייַנע פֿליגל און מיר וועלן צוזאַמען אַרויפֿפֿליִען צו די וואָלקענעס און שיינערהייט בעטן די וואָלקענעס אַז זיי זאָלן אַוועקגיין איבער די ימען, ווייַל זונעלע שיינע וויל אויפֿשייַנען.״

די עצה איז שטאַרק געפֿעלן דעם בוים, דעם בלימעלע, דעם גרעזל און דעם שטיינדל. זענען דער בוים און דאָס גרעזל אַרויף אויף איין פֿליגל און דאָס שטיינדל און דאָס בלימל אַרויף אויפֿן אַנדערן פֿליגל, און דער פֿייגל האָט זיי אַלע אַרויפֿגעטראָגן איבער אַלע דעכער און איבער אַלע ביימער, הויך הויך ביז צו די וואָלקענעס.

אויפֿן וועג האָט דער גרעסטער פֿון זיי, דער בוים, געזאָגט אַז דער פֿייגל זאָל רעדן צו די וואָלקענעס ווייַל ער האָט דאָס שענסטע קול פֿון זיי און אויך ווייַל די עצה איז געווען זייַנע.

ווען זיי זענען אָנגעקומען צו די וואָלקענעס האָט דער פֿייגל געזאָגט פֿאַר די וואָלקענעס, "וואָלקענעס וואָלקענעס, דאָס זונעלע שיינע וויל אויפֿשײַנען און וואַרעם מאַכן די וועלט. עס וויל מאַכן וואַקסן די גראָז, עס וויל מאַכן די בלומען פֿאַרביק, די עפּלעך רויט און די בּאַרן גרין, און עס וויל מאַכן אַלע פּירות זיס און זאַפֿטיק. אָבער איר וואָלקענעס האָט זיך געשטעלט פֿאַרן זונעלע שיינע און איר לאָזט אים נישט שײַנען. דערפֿאַר ווילן מיר אײַך בעטן אַז איר זאָלט אַזוי גוט זײַן און אַוועקגיין איבער די ימען לאָזן דעם זונעלע שײַנען."

די וואָלקענעס האָבן געענטפֿערט אַז זיי וועלן לאָזן דעם זונעלע שײַנען אָבער אַצינד איז זיי שווער אַוועקצופֿאָרן ווײַל זיי שלעפּן אַ שווערן פּעקל פֿול מיט רעגן. "מיר וועלן ערשט לײַכט מאַכן אונזערע פּלייצעס און אויסגאָסן דעם רעגן איבער דער וועלט און נאָכדעם וועלן מיר זיך צעגיין. איר זאָלט אויך וויסן אַז אויכעט דער רעגן מאַכט גראָזעלע וואַקסן, גיט בלימעלע פֿאַרבן און מאַכט וואַקסן אַלע פּרוכט — נאָר פֿאַר דעם האָב איך פֿאַרשטעלט דאָס זונעלע שיינע.

דער פֿייגל, דער בוים, דאָס בלימעלע, דאָס גרעזל, און דאָס שטיינדל האָבן שיין באַדאַנקט די וואָלקענעס און זענען צוריק אַראָפּגעפֿלויגן. אויפֿן וועג אַראָפּ האָט דער בוים געזאָגט פֿאַרן פֿייגל, "ווען סע רעגנט זאָלסטו קומען זיצן אויף מײַנע צווײַגן, און מײַנע בלעטער וועלן דיך באַשיצן אַז דו זאָלסט נישט נאַס ווערן".

די וואָלקענעס האָבן געטאָן אַזוי ווי זיי האָבן צוגעזאָגט און באַלד נאָכן רעגן זענען זיי זיך צעגאַנגען און דאָס זונעלע שיינע האָט אויפֿגעשײַנט אויף דער וועלט. עס האָט אויסגעטריקנט אַלע וואַסער און אַלעמען וואַרעם געמאַכט. נאָר אין איין ווינקעלע קענט איר זען אַ קליינע קאַלוזשע וואָס אין דעם באָדט זיך דאָס קליינע שטיינדעלע און דערנאָך לייגט ער זיך שלאָפֿן אויף דער ווייכער ערד.